בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְדִים, מְחַנְכִים אוּן מְחַנְכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון
פ"ה

פרשת ויצא
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## אַחְרַיוּת אוּן זְמַנִים

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם צְוֵייטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְכִים, פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### ווִי שְׁטְרֶענְג דַארְף מֶען זַיין מִיט קִינְדֶער?

מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס פְרֶעגְן: **"ווִי שְׁטְרֶענְג דַארְף מֶען זַיין צוּ דִי קִינְדֶער אִין כִּתָּה?"**

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס הָאט מִיט דִי קִינְדֶער אוּן עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער, נָאר מִיט זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; דִי עֲבוֹדָה פוּן אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין אִיז, זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן מִיט אַ קִינְד מִיט זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט מִיט אִים.

לָאמִיר אָנְכַאפְּן עֶטְלִיכֶע בֵּיישְׁפִּילְן וָואס עַל פִּי רוֹב הָאט עֶס צוּטוּן מִיט דִי עֶלְטֶערְן אוּן נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער.

### א) אַחְרַיוּת

א) אַחְרַיוּת; קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַחְרַיוּת'דִיג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען הָאט גֶעהֵייסְן בְּרֶענְגֶען פוּנְדֶערְהֵיים אַ סִידוּר, אַ חוּמָשׁ, אַ בְּלֵיי אָדֶער אַ בְּלֵייעֶן הַאלְטֶער, אוּן אַ קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט, - דָאס הָאט גֶעוֶוענְלִיךְ צוּטוּן מִיט דִי עֶלְטֶערְן, נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער, דֶערִיבֶּער קֶען מֶען נִישְׁט קַנְסְ'עֶנֶען דֶערוֹיף.

עֶס קֶען זַיין אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען אָדֶער אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט, אָדֶער זֶענֶען זֵיי נִישְׁט אַזוֹי מְסוּדָר, זַאכְן פְּלִיעֶן אוּן וֶוערְן נִישְׁט אַוֶועק גֶעלֵייגְט אוּן אָנְגֶעגְרֵייט וֶוען מֶען דַארְף עֶס הָאבְּן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעזָאגְט פַארְן קִינְד: **"אִיךְ וֶועל דִיר עֶס קוֹיפְן מָארְגְן"**, דֶערְפַאר הָאט עֶס נִישְׁט דָאס קִינְד אִין צַייט.

אַוַודַאי קֶען דָאס שְׁטֶערְן פַאר אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין, וַוייל מֶען ווִיל דָאךְ אָרְדֶענוּנְג אִין כִּתָּה, יֶעדֶער זָאל הָאבְּן וָואס מֶען דַארְף, אוּן דָאס קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז דָאס קִינְד נִישְׁט שׁוּלְדִיג.

### דִי צֶערִיסֶענֶע גְמָרָא פוּן דֶעם עוֹשֶׁרְ'ס אַ קִינְד

עֶס אִיז כְּדַאי אַז יֶעדֶער מְלַמֵּד אוּן יֶעדֶע לֶערֶערִין זָאל הָאבְּן בַּיי זִיךְ אִין לֶעדְל אִיבְּרִיגֶע בְּלֵייעֶן אוּן פַּאפִּיר, צוּ קֶענֶען גֶעבְּן פַאר אַ קִינְד וָואס הָאט נִישְׁט אַלֵיינְס.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אִין מַיין כִּתָּה אַ קִינְד וָואס זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער עוֹשֶׁר פוּן אַלֶע טַאטֶעס פוּן דִי כִּתָּה, עֶר הָאט מְנַדֵּב גֶעוֶוען אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אַן אָרוֹן קוֹדֶשׁ וָואס קָאסְט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, אוּן זַיין קִינְד הָאט גֶעהַאט אַ צֶערִיסֶענֶע גְמָרָא, אַ גְמָרָא וָואס עֶר הָאט גֶע'יַרְשְׁ'נְט פוּן זַיין בְּרוּדֶער, אוּן דֶער בְּרוּדֶער הָאט עֶס גֶענוּמֶען פוּן דֶער עֶלְטְסְטֶער בְּרוּדֶער, אוּן דֶער עֶלְטְסְטֶער בְּרוּדֶער הָאט עֶס גֶענוּמֶען פוּן דֶער טַאטֶע וָואס הָאט עֶס גֶענִיצְט וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר...

אִין חֵדֶר זֶענֶען דָאךְ דָא קִינְדֶער וָואס שְׁלָאפְן אַיין אוֹיף דִי גְמָרָא; וֶוען אַ קִינְד דְרִימְלְט אַיין וֶועקְט מֶען אִים דָאךְ נִישְׁט אֵייבִּיג אוֹיף, ווִילַאנְג עֶר שְׁטֶערְט נִישְׁט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אַז עֶר שְׁלָאפְט אַבִּיסְל אוּן לֶערְנְט נִישְׁט מִיט. וֶוען מֶען שְׁלָאפְט אוֹיף דִי גְמָרָא רִינְט אַרוֹיס אַבִּיסְל שְׁפֵּייעֶכְץ פוּן מוֹיל אוּן דִי גְמָרָא וֶוערְט דָארְט פַייכְט, זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס הָאבְּן לִיבּ צוּ רַייבְּן מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף דִי פַייכְטֶע פְּלַאץ, בִּיז עֶס וֶוערְט אַ לָאךְ אִינְמִיטְן דִי גְמָרָא. אוֹיךְ מַאכְט זִיךְ בַּיי קִינְדֶער אַז אַ גְמָרָא בַּאקוּמְט אַ רִיס אוֹיף אֵיין בְּלַאט אוּן דֶער קִינְד ווִיל נָאר זֶען ווִי וַוייט דֶער רִיס גֵייט, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ צִיעֶן דֶעם פַּאפִּיר בִּיז עֶס וֶוערְט מֶער אוּן מֶער צֶערִיסְן.

עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דֶער קִינְד פוּנֶעם עוֹשֶׁר הָאט גֶעהַאט אַן אַלְטֶע גְמָרָא פִיל מִיט רִיסְן אוּן לֶעכֶער, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ רוּפְן דֶעם טַאטְן אִים בֶּעטְן צוּ קוֹיפְן אַ נֵייעֶ גְמָרָא פַאר זַיין זוּן, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעזֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ אִים, עֶר אִיז אִין דִי בִּיזְנֶעס, עֶר וֵייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט אַז זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ מוֹסָד, בִּין אִיךְ אַלֵיינְס גֶעגַאנְגֶען אִים קוֹיפְן אַ גְמָרָא.

### דָאס שַׁיְיכוּת פוּן דִי מְלַמְדִים מִיט דִי עֶלְטֶערְן

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס זָאלְן הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דִי עֶלְטֶערְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן, זָאל מֶען זֵיי זָאגְן אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט אַז אֶפְשָׁר הָאט מֶען פַארְגֶעסְן צוּ גֶעבְּן פַארְן קִינְד דָאס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אִין כִּתָּה, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אַז מֶען שְׁטֶעלְט צוּ פַארְן קִינְד דִי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אִין חֵדֶר.

### וָואס טוּט מֶען וֶוען אַ קִינְד פַארְגֶעסְט וָואס עֶר דַארְף בְּרֶענְגֶען?

עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי גֶעווִיסֶע קִינְדֶער אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז פַארְקֶערְט, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען גְרֵייט צוּצוּשְׁטֶעלְן פַארְן קִינְד אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן אִין כִּתָּה, נָאר דָאס קִינְד אַלֵיינְס אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, עֶר פַארְגֶעסְט וָואס עֶר דַארְף בְּרֶענְגֶען, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס קִינְד אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן שׁוּלְדִיג, וַוייל זַיין נַאטוּר מַאכְט אִים פַארְגֶעסְן, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אוּמְגֵיין מִיטְן קִינְד אַבִּיסְל וֵוייךְ.

אֶפְשָׁר זָאל מֶען רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן אוּן בֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן אָנְגְרֵייטְן וָואס דָאס קִינְד דַארְף הָאבְּן אוּן אוֹיךְ זָאלְן זֵיי אִים דֶערְמַאנֶען עֶס צוּ בְּרֶענְגֶען.

אָדֶער קֶען מֶען מַאכְן אַ וֶועג אַז דָאס קִינְד אַלֵיינְס זָאל גֶעדֶענְקֶען צוּ בְּרֶענְגֶען; נִישְׁט דוּרְךְ טֵיילְן קְנָסוֹת פַאר וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט, נָאר מֶען מַאכְט אַ גוֹרָל אָדֶער מֶען גֶעבְּט אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר וֶוער עֶס הָאט יָא גֶעבְּרֶענְגְט, אוּן דָאס דֶערְמַאנְט דִי קִינְדֶער צוּ בְּרֶענְגֶען וָואס מֶען דַארְף.

אִיךְ זֶע בַּיי מִיר ווִי גוּט עֶס אַרְבֶּעט; אִיךְ ווִיל יֶעדְן טָאג שְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן קִינְד אַ לַאנְגֶע מִצְוָה צֶעטְל, נָאר אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ

שְׁטוּבּ פוּן אִינְגְלֶעךְ קֶען אִיךְ פַארְגֶעסְן צוּ שְׁרַייבְּן מִצְוָה צֶעטְלֶעךְ, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ קִינְדֶער וָואס דֶערְמַאנֶען מִיר צוּ שְׁרַייבְּן, וִוי אַזוֹי גֶעדֶענְקֶען זֵיי? וַוייל זֵייעֶר מְלַמֵּד מַאכְט אַ גוֹרָל אָדֶער עֶר גֶעבְּט אַ קֶענְדִי פַאר יֶעדֶע מִצְוָה צֶעטְל וָואס מֶען בְּרֶענְגְט, זֵיי בֶּעטְן מִיר: **"טַאטִי שְׁרַייבּ מִיר אַ מִצְוָה צֶעטְל, וַוייל מַיין רֶבִּי גֵייט מַאכְן אַ גוֹרָל פוּן אַלֶע קִינְדֶער וָואס בְּרֶענְגֶען אַ מִצְוָה צֶעטְל"**.

### דֶער עִיקָר אִיז דֶער מַצָּב אוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט

עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ טֵיילְן גְרוֹיסֶע זַאכְן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס בְּרֶענְגֶען 'מִצְוָה צֶעטְלֶעךְ', מֶען קֶען גֶעבְּן אַ קְלֵיינֶע קֶענְדִי, אָדֶער מַאכְן אַ בִּילִיגֶע גוֹרָל, וַוייל קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע זַאכְן, דֶער עִיקָר אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט עֶס, דִי כָּבוֹד אוּן דִי גֶעשְׁמַאק.

אִין דִי וִוילְיַאמְסְבּוּרְג'ֶע חֵדֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער צוּ אַ שְׁפִּילְצֵייג גֶעשֶׁעפְט, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם מְלַמֵּד עֶר זָאל דָאס מֶער נִישְׁט טוּן, וַוייל אוֹיבּ אַ קִינְד קֶען יֶעדְן טָאג גֵיין צוּ דֶעם גֶעשֶׁעפְט, בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער וָואס אִיךְ זָאל קֶענֶען מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זֵיי וֶועלְן אַהִין טְרָאגְן אֵיין מָאל אַ יָאר, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, חוֹל הַמּוֹעֵד, גֵייט עֶס זֵיי מֶער נִישְׁט זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט, וַוייל זֵייעֶר מְלַמֵּד נֶעמְט זֵיי יֶעדְן טָאג אַהִין.

אוֹיךְ פְלֶעגְט יֶענֶער מְלַמֵּד יֶעדְן טָאג טֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער גְרוֹיסֶע בֶּעגְס מִיט נַאשׁ, הָאבּ אִיךְ אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט קַיין גוּטֶער מְלַמֵּד אַז מֶען גֶעבְּט אוּן מֶען גֶעבְּט אוּן מֶען גֶעבְּט, מֶען קֶען גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער אַ קְלֵיינִיקֵייט אוּן מַאכְן פוּן דֶעם אַ מַצָּב אוּן אַ שֵׁיינְקֵייט, אוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן פוּן דֶעם זֵייעֶר הֲנָאָה.

### אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ וָואס דֶער מְנַהֵל הָאט גֶעטוּן מִיט מִיךְ

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין כִּתָּה ג', וֶוען מֶען לֶערְנְט נָאכְנִישְׁט אִין חֵדֶר קַיין גְמָרָא, הָאט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א גֶעלֶערְנְט מִיט מִיר פְּרִיוַואט אַ בְּלַאט גְמָרָא, נָאכְ'ן עֶנְדִיגְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: **"גֵיי צוּ דַיין מְנַהֵל'ס אָפִיס אוּן זָאג פַאר דַיין מְנַהֵל אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ פַארְהֶערְן בַּיי אִים דֶעם בְּלַאט גְמָרָא"**.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר שֶׁעמֶעדִיג אַלְס קִינְד, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ אַלְץ זֵייעֶר שֶׁעמֶעדִיג; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז 'דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִילְן...' בֶּאֱמֶת וֶוען אִיךְ בִּין אִין אַ צְוֵוייטֶע בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זִיץ אִיךְ אִין דִי זַייט אוּן אִיךְ עֶפְן נִישְׁט מַיין מוֹיל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִוי אַזוֹי מֶען רוּפְט זִיךְ עֶפֶּעס אָן צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, דָאס וָואס אִיךְ רֶעד אִין יְשִׁיבָה וְכוּ' - אִיז וַוייל אִיךְ טוּ וָואס אִיךְ הָאבּ צוּטוּן, אִיךְ טוּ וָואס מַיין רֶבִּי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעהֵייסְן טוּן, אָבֶּער סְתָּם אַזוֹי בִּין אִיךְ שְׁטִיל. נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן אִין דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וָואס אִיז נֶעבְּן מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ בִּין דָארְט גֶעזִיצְן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוּן גֶעלֶערְנְט, עֶס הָאט זִיךְ דָארְט גֶעקָאכְט דִי נַייעֶס פוּן דִי מִלְחָמָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען אִיז גֶעקוּמֶען נֶעבְּן מִיר אוּן מִיר גֶעפְרֶעגְט: **"נוּ, וָואס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה?"** הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט"**. - עַל כָּל פָּנִים, אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שֶׁעמֶעדִיג, בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּם מְנַהֵל זִיךְ פַארְהֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

בַּיינַאכְט הָאט מִיר מַיין טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט: **"דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען צוּם מְנַהֵל זִיךְ פַארְהֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא?"** הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"נֵיין, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשֶׁעמְט"**, הָאט מַיין טַאטֶע מִיר גֶעזָאגְט שְׁטְרֶענְג: **"מָארְגְן קֶענְסְטוּ נִישְׁט אַהֵיימְקוּמֶען פוּן חֵדֶר נָאר אוֹיבּ דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיים מְנַהֵל אוּן זִיךְ פַארְהֶערְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא"**. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ גוּטֶער טַאטֶע, מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען צוּ מִיר זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין צוּם מְנַהֵל, בִּפְרַט אַז דֶער מְנַהֵל אִיז גֶעוֶוען אַ הוֹיךְ גֶעוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ (הַיינְט אִיז עֶר אַ גְרוֹיסֶער רָב) אוּן אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶער אִינְגֶל, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אָפִיס, אִיךְ הָאבּ גֶעקְלַאפְּט אוֹיף זַיין טִיר, אוּן דֶער מְנַהֵל פְרֶעגְט מִיר: **"וָואס ווִילְסְטוּ אִינְגֶעלֶע?"** הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ ווִיל זִיךְ פַארְהֶערְן אַ בְּלַאט גְמָרָא"**, דֶער מְנַהֵל הָאט אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוּן גֶעזָאגְט מִיט הִתְפַּעֲלוּת: **"אַ בְּלַאט גְמָרָא?!"** אוּן עֶר הָאט מִיךְ פַארְהֶערְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, נָאכְדֶעם הָאט עֶר מִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף זַיינֶע אַקְסְלֶען אוּן מִיךְ אַרוּמְגֶעטְרָאגְן צוּ אַלֶע כִּיתּוֹת וַוייזְן 'דֶער אִינְגְל וָואס הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַ בְּלַאט גְמָרָא!'

דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזוֹיפִיל כָּבוֹד אוּן אַטֶענְשָׁאן אַז אֲפִילוּ אִיךְ בִּין שׁוֹין הַיינְט צְוֵויי אוּן פֶערְצִיג יָאר - לִיגְט מִיר עֶס נָאכְאַלְץ אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן אִיךְ שְׁלִינְג עֶס נָאךְ אַרָאפּ, אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ וִוי גוּט אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט.

מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז אַמָאל קֶען מֶען נֶעמֶען אַ קִינְד אוֹיפְ'ן אַקְסְל אוּן אַרוּמְטְרָאגְן דִי כִּיתּוֹת, וַוייזְן פַאר יֶעדְן 'דָאס אִיז דֶער אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶער קִינְד', אוּן דָאס וֶועט נָאךְ מֶער אוֹיפְטוּן פוּן טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת אוּן בֶּעגְס נַאשׁ.

### אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער וִוי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן מְסוּדָּר אַ שְׁטוּבּ

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן 'אַחְרַיוּת' ווִיל אִיךְ רֶעדְן פוּן נָאךְ אַ נְקוּדָּה; עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער צוּ זַיין מְסוּדָּר'דִיג אוּן אַחְרַיוּת'דִיג; אוּן פַאר מֵיידְלֶעךְ דַארְף מֶען אוֹיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן אַ הוֹיז שֵׁיין מְסוּדָּר.

לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער אַז קַיין שׁוּם זַאךְ קוּמְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן קַאוּנְטֶער אוּן אוֹיפְ'ן טִישׁ, אוֹיבּ מֶען ווִיל - קֶען מֶען לֵייגְן אוֹיפְ'ן טִישׁ אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, וִוי אַ פַאלְשֶׁע בְּלוּמֶען וַואזֶע וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער אַנְדֶערֶע זַאכְן קֶען נִישְׁט סְתָּם אַזוֹי לִיגְן אוֹיפְ'ן טִישׁ.

### דִי סַאטְמֶער רֶעבֶּעצִין הָאט גֶעהָאלְפְן מְסַדֵּר זַיין שְׁטִיבֶּער

אֵיינֶער הָאט מִיר נֶעכְטְן פָארְגֶעהַאלְטְן, אַז עֶס אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין אִין שְׁטֶעטְל בַּיי אֵיינֶעם אִינְדֶערְהֵיים, אוּן יֶענֶעמְ'ס הוֹיז הָאט אוֹיסְגֶעזֶען 'רַחֲמָנָא לִיצְלָן', עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי זַאכְן פְלִיעֶן דָארְט אַרוּם...

אִיךְ הָאבּ יֶענֶעם גֶעפְרֶעגְט דֶער נָאמֶען פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אוּן אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן יֶענֶעם צוּ הֶעלְפְן, אֶפְשָׁר זָאל מֶען אַהִין שִׁיקְן אַ וַוייבְּל זִי זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען דִי מַאמֶע וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען נָאךְ דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, הָאט עֶר זִיךְ דֶערְוואוּסְט אַז עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ, וַוייל מֶען הָאט אוֹיסְגֶע'הַרְגְ'עֶט אַלֶע אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, אוּן דִי גֶעצֵיילְטֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן עֶס אִיבֶּער גֶעלֶעבְּט, זֶענֶען יָארְן גֶעוֶוען פַארְוָואגְלְט, זֵיי הָאבְּן צֶען יָאר גֶעלֶעבְּט וִוי חַיּוֹת אִין בַּארַאקְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, אוּן זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעכַאפְּט דִי וֶועג פוּן לֶעבְּן, דֶערִיבֶּער יֶעצְט וֶוען זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט דִי פָּשׁוּטְ'עֶ אַלֶף בֵּית פוּן פִירְן אַ שְׁטוּבּ, וִוי טוֹישְׁן אַ קִינְד, בָּאדְן אַ קִינְד, צוּזַאם לֵייגְן וֶועשׁ אוּן בִּיגְלֶען הֶעמְדֶער וְכַדוֹמֶה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעבֶּעטְן דִי רֶעבֶּעצִין (זִי הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער) **"גֵיי אַרִיבֶּער צוּ יֶענֶע מִשְׁפָּחָה, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אַז דִי מַאמֶע וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען לֵייגְט צוּזַאם וֶועשׁ"**, דִי רֶעבֶּעצִין אִיז אַהִין גֶעגַאנְגֶען אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי אַלֶע זַאכְן, פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע דוֹר פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג'ֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס וֵוייסְן וִוי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן אַ שְׁטוּבּ צוּזַאמְגֶענוּמֶען, זַאכְן זָאלְן נִישְׁט פְלִיעֶן.

וֶוען אִיךְ גֵיי אַמָאל אַרוֹיף צוּ אֵיינֶעם אִין שְׁטוּבּ, אוּן אִיךְ זֶע וִוי זַאכְן פְלִיעֶן, אִיבֶּעראַל לִיגְן בֶּעגְס מִיט זַאכְן, טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: 'שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַ הוֹיז וָואס אִיז מְסוּדָּר'.

פַארְוָואס דַארְף לִיגְן בֶּעגְס אוֹיפְ'ן קַאוּנְטֶער? וואוּ בַּאלַאנְגְט עֶס? אַז דוּ דַארְפְסְט עֶס נִישְׁט - וַוארְף עֶס אַוֶועק, אַז דוּ דַארְפְסְט עֶס יָא - לֵייג עֶס אַוֶועק, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט וואוּ עֶס אַוֶועק צוּ לֵייגְן, לֵייג עֶס אִין סְטָארֶעדְזְשׁ.

### סֵדֶר אִין קָאךְ

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן דֶעם, ווִיל אִיךְ רֶעדְן אַ זַאךְ וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר דִי וָואס זֶענֶען מְמוּנֶה אִין קָאךְ, אַסַאךְ מָאל רוּפְט מֶען קִינְדֶער זָאלְן קוּמֶען הֶעלְפְן קָאכְן, דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער

# הַמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

ווי אַזוֹי מֶען קָאכְט, ווִי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן רֵיין און מְסוּדָר דִי קָאךְ, עֶס זָאל נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן ווִי נָאךְ אַ מִלְחָמָה...

דִי גוֹיִם וָואס רֵייניגְן דִי קָאךְ הָאבְּן גֶעווִיזְן פַארְן מֶענֶעדְזְשֶׁער בִּילְדֶער ווִי דִי קָאךְ אִיז אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער גֶעדְרֵייט נָאכְ'ן קָאכְן; אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: אוֹיבּ קָאכְט מֶען אוֹיף אַזַא וֶועג, אִיז שׁוֹין בֶּעסֶער מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט קָאכְן, נָאר מֶען זָאל בַּאשְׁטֶעלְן פַארְטִיגֶע עֶסְן. פַארְוָואס דַארְפְן זַאכְן פְלִיעֶן און רִינֶען? מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ קָאכְן זוֹיבֶּער מִיט אַ סֵדֶר. [סוֹף פוּנֶעם שִׁיעוּר בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן].

### ב) זְמַנִים

ב) דִי צְוֵוייטֶע בֵּיישְׁפִּיל פוּן זַאכְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט צוּטוּן מִיט דִי קִינְדֶער, נָאר מִיט זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אִיז 'זְמַנִים'; וֶוען אַ קִינְד קוּמְט אִין חֵדֶר אָדֶער אִין שׁוּלֶע שְׁפֶּעט, אָדֶער אַ קִינְד וָואס פֶעלְט גַאנְצֶעטֶע טֶעג און וָואכְן פוּן חֵדֶר און שׁוּלֶע.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ 'זְמַנִים' קֶען מֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן אַ מִלְחָמָה מִיטְן קִינְד, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַארְן קִינְד: **"גֵיי אַרוֹיס, מֶען קֶען נִישְׁט יֶעצְט קוּמֶען"**, וַוייל דִי קִינְדֶער זֶענֶען גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, וָואס זָאל דָאס קִינְד טוּן אַז זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים גֶעשִׁיקְט שְׁפֶּעט אָדֶער זֵיי שִׁיקְן אִים אִין חֵדֶר נָאר אֵיין מָאל אַ וָואךְ?!

דָא דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן אַרֵיינְקוּמֶען אִין בִּילְד. אָדֶער זָאל דֶער מְלַמֵד און לֶערֶערִין אַלֵיינְס רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן, אָדֶער זָאלְן זֵיי בֶּעטְן דֶעם מְנַהֵל און מְנַהֶלֶת צוּ רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן, און מֶען זָאל זֵיי פְרֶעגְן וָואס גֵייט פָאר, אֶפְשָׁר אִיז עֶפֶּעס אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט אִין שְׁטוּבּ אַז דָאס קִינְד דַארְף בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים הֶעלְפְן, אָדֶער גֵייט דָאס קִינְד הֶעלְפְן אַ בַּאבֶּע; בַּיי מֵיידְלֶעךְ מַאכְט זִיךְ עֶס מֶער, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס דַארְפְן וִויכְטִיג דִי הִילְף פוּן דִי טֶעכְטֶער אִינְדֶערְהֵיים. און דִי אָפִּיס זָאל בַּאשְׁלִיסְן לוֹיט זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד און לוֹיטְ'ן מַצָּב צִי מֶען זָאל לָאזְן דֶעם קִינְד קוּמֶען וֶוען עֶר קוּמְט, אָדֶער מֶען זָאל זָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַז דָאס קִינְד קֶען נָאר קוּמֶען אוֹיבּ עֶר קוּמְט יֶעדְן טָאג.

### זָאלְן זֵיי קוּמֶען וֶוען זֵיי קוּמֶען

וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ מִשְׁפָּחָה מִיט צְוֵויי אִינְגְלֶעךְ וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען גֶעהֶערִיג, נָאךְ פֶּסַח זֶענֶען זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר און דְרֵיי וָואכְן נָאךְ פֶּסַח זֶענֶען זֵיי פְּלוּצְלִינְג אָנְגֶעקוּמֶען... דֶער מְלַמֵד הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס טוּ אִיךְ דָא מִיט דִי קִינְדֶער? דֶער טַאטֶע שִׁיקְט זַיינֶע קִינְדֶער אֵיין מָאל אִין דְרֵיי וָואכְן, נָאכְדֶעם וֶוערְן זֵיי נֶעלָם פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דְרֵיי וָואכְן?"** הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַארְן מְלַמֵד: וָואלְט עֶס גֶעוֶוען אַ מִשְׁפָּחָה צוּ וֶועם מֶען קֶען רֶעדְן, וָואלְט אִיךְ זֵיי אָנְגֶערוּפְן און גֶערֶעדְט צוּ זֵיי, אָבֶּער אַזוֹי ווִי אִיךְ קֶען דִי עֶלְטֶערְן, און אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן, זָאלְן דִי קִינְדֶער קוּמֶען וֶוען דִי עֶלְטֶערְן שִׁיקְן זֵיי אִין חֵדֶר.

אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵד אוֹיבּ דִי קִינְדֶער שְׁטֶערְן וֶוען זֵיי קוּמֶען אִין חֵדֶר, הָאט מִיר דֶער מְלַמֵד גֶעזָאגְט: **"דִי קִינְדֶער שְׁטֶערְן נִישְׁט, זֵיי זֶענֶען דִי וואוֹילְסְטֶע קִינְדֶער פוּן חֵדֶר, זֵיי עֶפֶענֶען זִיךְ נִישְׁט דָאס מוֹיל אִין כִּתָּה"**, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"דָאס מֵיינְט אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן; זָאלְן זֵיי קוּמֶען וֶוען זֵיי קוּמֶען און דוּ וֶועסְט זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער"**.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם, וֶועלְן מִיר בְּרֶענְגֶען דֶעם אוֹיסְפִיר פוּנֶעם שִׁיעוּר אִיבֶּער דִי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף יָא פָאדֶערְן פוּן דִי קִינְדֶער און זַיין מִיט דֶעם זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג.

•••

### מִכְתָּב א'

### אוֹיסְלֶערְנֶען קָאכְן און בַּאקְן, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ און רֵיינְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן, הֱיוֹת אִיר זֶענְט גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי קִינְדֶער אִין בֵּית פֵיגָא זֵיי צוּ אוֹיסְלֶערְנֶען קָאכְן און בַּאקְן, זָאלְט אִיר פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז גָארְנִישְׁט דָא; אִיךְ ווִיל קִינְדֶער בַּעֲלֵי דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי מֶען לֶערְנְט אִידִישׁ, עֶנְגְלִישׁ, נֵייעֶן, קָאכְן, בַּאקְן; מֶען מוּז זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

נָאךְ אַ זַאךְ ווִיל אִיךְ בֶּעטְן, זוּמֶער הָאבְּן דִי מֵיידְלֶעךְ גֶעאַרְבֶּעט אִין קָאךְ, אָבֶּער דֶער מֶענִידְזְשֶׁער הָאט מִיר גֶעווִיזְן בִּילְדֶער ווִי אַזוֹי מֶען פְלֶעגְט אִיבֶּערְלָאזְן דִי קָאךְ; אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַז דֶער גוֹי וָואס רֵיינִיגְט פְלֶעגְט שִׁיקְן בִּילְדֶער פַארְן מֶענִידְזְשֶׁער, אִים וַוייזְן וָואס דָארְט טוּט זִיךְ. ווִיל אַייךְ בֶּעטְן, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וָואס מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס קָאכְן, זֵיי הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דִי עֶסְן - דַארְף מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי מֶען קָאכְט און מֶען בַּאקְט אָן דֶעם וָואס עֶס זָאל וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט און שְׁמוּצִיג.

אַרְבֶּעטְס מִיט סַבְלָנוּת, מִיט גֶעדוּלְד; דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר וואוֹיל, מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען זֵיי מְחַנֵךְ זַיין און פַארְלַאנְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ און רֵיינְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מֶעג מֶען גֶעבְּן פֶּעטְשׁ פַאר קִינְדֶער וֶוען עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיר זָאגְט אַסַאךְ מָאל אַז חִינוּךְ אִיז רֶעדְן צוּ קִינְדֶער - נִישְׁט שְׁלָאגְן, און אוֹיבּ דַארְף מֶען יָא שְׁלָאגְן זָאל עֶס זַיין נָאר אַ קְלֵיין פֶּעטְשְׁל אוֹיף דִי הַאנְט. וָואס טוּ אִיךְ אָבֶּער וֶוען מַיין נַיין יֶערִיג אִינְגְל הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָאלְגְן און עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין רֶעדְן מִיט גוּטְן אָדֶער בֵּייזְן?

סְפֶּעצִיֶעל וֶוען עֶס קוּמְט בַּיינַאכְט, דִי צַייט וֶוען מֶען שִׁיקְט אִים אַרֵיין אִין בֶּעט, אִיז מַמָשׁ נִישְׁטָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן, עֶר הֶערְט מַמָשׁ נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים. אֶפְשָׁר אִין אַזַא סִיטוּאַצְיֶע מֶעג עֶר יָא בַּאקוּמֶען אַ פַּאטְשׁ אוֹיפְ'ן פָּנִים.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר קְלָאר מַאכְן אִין דֶעם עִנְיָן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; אַז מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין זֶעט מֶען אַז פֶּעטְשׁ אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס נָאר אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוְון. דֶערִיבֶּער טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין

קִינְדֶער; נִישְׁט נָאר עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נָאר מַאכְן אַסַאךְ עֶרְגֶער וְכוּ׳.

אַוַדַאי דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַ וָוארְט פוּן אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע זָאל זַיין טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב. אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן קִינְדֶער פָּאלְגְן; מֶען בַּאלוֹינְט זֵיי פַאר׳ן פָאלְגְן אוּן מֶען קַנְס׳עֶט זֵיי אוֹיבּ זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט. לְמָשָׁל, אוֹיבּ דֶער קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט – עֶר גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן וֶוען מֶען הֵייסְט אִים, וָוארְנְט מֶען אִים אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּילְן וְכוּ׳, אָבֶער נִישְׁט שְׁלָאגְן. שְׁלָאגְן הָאט גָארְנִישְׁט מִיט חִינוּךְ, דָאס אִיז סְתָּם זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן דִי נֶערְוְון.

בְּנוֹגֵעַ דַיין זוּן וָואס עֶר פָאלְגְט נִישְׁט אוּן מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג וְכוּ׳; אַסַאךְ מָאל וֶוען אַ קִינְד דַארְף אַסַאךְ אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט (תְּשׂוּמַת לֵב) אוּן עֶר בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט, זוּכְט עֶר אַן אוֹפָן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיפְרֶעגְן וְכוּ׳, כְּדֵי צוּ גֶעווִאוּנֶען אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט. דֶערְפַאר וֶוען מֶען זֶעט אַז אַ קִינְד פָּאדֶערְט מֶער תְּשׂוּמַת לֵב, דַארְף מֶען אִים דָאס גֶעבְּן נָאךְ פַאר עֶר הֵייבְּט אָן שְׁטֶערְן. קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן, וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי אַ קִינְד הֶערְט נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, הֵייבְּן זֵיי אִים אוֹיף; לְמָשָׁל, מֶען זָאגְט הוֹיךְ: ״קוּקְט וִוי שֵׁיין עֶר פָאלְגְט – עֶר גֵייט אַרַיין אִין בֶּעט מִיט אֵיין מָאל הֵייסְן״; ״דוּ בִּיסְט אַזַא צַדִיק, דוּ פָאלְגְסְט מִיט אֵיין מָאל הֵייסְן״. צוּ גוּטֶע וֶוערְטֶער כַאפְּט זִיךְ יֶעדֶער צוּ; יֶעדֶער ווִיל זַיין פוּן דִי גוּטֶע.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אָן תְּפִילָה נוּצְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט; מֶען קֶען ווִיסְן אַלֶע עֵצוֹת מִיט אַלֶע חָכְמוֹת, אָבֶער אָן תְּפִילָה, אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן. מֶען דַארְף אַסַאךְ דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ד׳, מכתב רצה)

## זָאל מֶען נֶעמֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה אוּם עֶרֶב שַׁבָּת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען זָאל נֶעמֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה אוּם עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן אוֹיבּ יָא פוּן וֶועלְכֶע יָארְגַאנְג? אִיךְ הָאבּ מוֹרָא זֵיי מִיטְצוּנֶעמֶען וֶועגְן שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס זֵיי קֶענֶען הָאבְּן פוּן דֶעם, וַוייל אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי אָן נִישְׁט צוּ קוּקְן זֶעעֶן זֵיי אָבֶער לְמַעֲשֶׂה וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אַלְס קִינְד מִיט מַיין טַאטֶע הָאט מַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם נִישְׁט גֶעטוֹיגְט אַזוֹי גוּט, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ יֶעצְט מוֹרָא צוּ נֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אוֹיבּ וֶועל אִיךְ זֵיי אָנְהוֹיבְּן נֶעמֶען עֶרְשְׁט בַּיי דִי צְוֶועלְף יָאר – קֶען דֶעמָאלְט זַיין נָאךְ עֶרְגֶער, וַוייל זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען גֶעוואוֹינְט אַיין קִינְדֶער צוּ טוּן – וֶועלְן זֵיי דָאס טוּן שְׁפֶּעטֶער; אַז מֶען נֶעמְט דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל אוּן מֶען הַאלְט זֵיי נֶעבְּן זִיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען, מֶען לֶערְנְט זֵיי שְׁטַייטְלִיךְ אוֹיס וִוי אַזוֹי צוּ דַאוֶוענֶען אוּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען – וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן גְרוֹיס וֶוערְן וֶועלְן זֵיי אַלֵיינְס גֵיין דַאוֶוענֶען. אָבֶער אוֹיבּ מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער אַרוּם לוֹיפְן אִין שׁוּל, אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט בַּיים דַאוֶוענֶען – וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן אָן קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט יֶעדֶע דָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה; מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ אַלֶע מִצְוֹת אוּן אַלֶע מִנְהָגִים.

אַ טַאטֶע דַארְף נֶעמֶען זַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת כְּדֵי זֵיי צוּ מְחַנֵךְ זַיין צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה בִּצְנִיעוּת, בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה.

פוּן דִי זִיבְּן יָאר קֶען מֶען שׁוֹין בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר מִיטְ׳ן טַאטְ׳ן, וַוייל אַלֵיינְס טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה. אֲפִילוּ אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר׳ל דַארְף הָאבְּן שְׁמִירָה פוּן חוֹלֵי נֶפֶשׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַז מֶען בְּרֶענְגְט קִינְדֶער אִין מִקְוֶה אִיז כְּדַאי צוּ גֵיין וִוי פְרִיעֶר וֶוען דִי מִקְוֶה אִיז נָאךְ לֵיידִיג, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין מִקְוֶה אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען זְרִיזוּת – נִישְׁט צוּ פֶּענְיֶיען אִין מִקְוֶה. מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין מִקְוֶה מִיט אַזַא שְׁנֶעלְקֵייט, אַז קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְכַאפְּן; ווִילַאנְג מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְטוּן אִיז רֶבִּי נָתָן שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעטוּן, גֶע׳טוֹבֵלְ׳ט, צוּרִיק אָנְגֶעטוּן אוּן אַרוֹיס פוּן מִקְוֶה! דָאס קֶען יֶעדֶער זוֹכֶה זַיין אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דֶעם.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן שְׁמִירַת עֵינַיִם; אַדְרַבָּה, דָאס דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער נָאךְ פוּן זֵייעֶר יוּגְנְט, אַז מֶען דַארְף הִיטְן דִי אוֹיגְן וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ו׳, מכתב תסט)


### חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט״א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 2-4-2-1**

- שמעו ותחי נפשכם -


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com


קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876